חוברת טז

ספרי' – **אוצר החסידים** – ליובאוויטש

# רשימת זכרונות

## כתובים בידי הרבנית הצדקנית
## מרת **חנה** ע"ה ז"ל

אשת כ"ק הרה"ג והרה"ח המקובל

## מוהר"ר ר' לוי יצחק

זצוקללה"ה נבג"מ זי"ע

הוריו של כבוד קדושת

## אדמו"ר מנחם מענדל

זצוקללה"ה נבג"מ זי"ע

**שניאורסאהן**

מליובאוויטש

•

יוצא לאור על ידי מערכת

**"אוצר החסידים"**

770 איסטערן פּאַרקוויי ברוקלין, נ.י.

שנת חמשת אלפים שבע מאות שבעים ושתים לבריאה

שנת המאתיים להסתלקות־הילולא של כ"ק אדמו"ר הזקן

**Reshimas Zichronos**

kesuvim bidei harabanis hatzidkanis
maras Chana

Installment 16

Published and Copyrighted © 2012
by

**Kehot Publication Society**
770 Eastern Parkway / Brooklyn, New York 11213
(718) 774-4000 / Fax (718) 774-2718
editor@kehot.com

**Orders:**
291 Kingston Avenue / Brooklyn, New York 11213
(718) 778-0226 / Fax (718) 778-4148
www.kehot.com

All rights reserved.

The Kehot logo is a trademark of Merkos L'Inyonei Chinuch.

*Manufactured in the United States of America*

נסדר והוכן לדפוס על ידי חיים שאול בן חנה

The PrintHouse 538 Johnson Ave. Brooklyn N.Y. 11237 (718) 628-6700 :נדפס בדפוס

ב"ה.

# פתח דבר

הננו מו"ל בזה חוברת טז של „זכרונות" שנרשמו ע"י הרבנית הצדקנית מרת חנה ע"ה, אמו של כ"ק אדמו"ר זי"ע.

בהוצאה זו, באה הרשימה כפי שנעתקה מכתב־ידה של הרבנית, ולאח"ז גם בתרגום ללה"ק, ובתוספת ציונים והערות בשוה"ג, כמבואר בפרטיות ב„פתח דבר" לחוברת הראשונה.

*

ויהי רצון שההוספה בהפצת המעיינות חוצה, תזרז את הגאולה האמיתית והשלימה ע"י משיח צדקנו, בקרוב ממש.

**מערכת „אוצר החסידים"**

יום הבהיר* כ"ח טבת**, ה'תשע"ב
שנת המאתיים להסתלקות־הילולא של כ"ק אדמו"ר הזקן
ברוקלין, נ.י.

---

*) ראה אגרות־קודש אדמו"ר מוהריי"צ חי"ד אגרת ה'שמב (ע' תיב).

**) יום הולדת הרבנית הצדקנית מרת חנה ע"ה בשנת תר"מ.

# אַוועקגעבן דעם לעצטן ביסן

איבער די אַלע אורזאַכן, האָט זיך מחלה פון דעם טיף[227] ר״ל אַלץ מער פאַרשפּרייט. נאָך די באַדינגונגען פון יענעם לעבן, זיינען די רעזולטאַטן געווען מער ניט קיין גוטע ווי גוטע.

איינער אַ נאָנטער, אויך אַ פאַרשיקטער, וואָס פלעגט צו אונז אַריינגיין, איז געקומען צו אים אַ פרוי מיט אַ טאָכטער, אָבער זיין לאַגע איז פון דעם ניט בעסער געוואָרן.

ער איז אַמאָל צו אונז אַריינגעגאַנגען, דער פּנים איז געווען פאַרשוואָלן מיט אַזאַ געלן קאָליר ווי פון הונגער — מען זאָל דאָס ניט זען — קיין אַרבעט האָט ער ניט געהאַט. ער האָט דערזען באַ אונז אויף דעם טיש עטליכע שטיקלאַך ברויט, האָט ער אויף דעם אָנגעהויבן קוקן מיט אַזעלכע גלאַנציקע אויגן, אַז כאָטש דאָס איז ביי אונז געווען דער גאַנצער אייגנס — מער קיין ברויט אויף מאָרגן האָבן מיר ניט געהאַט — פונדעסטוועגן, האָב איך דאָס אים געהייסן צונעמען און אויפעסן.

ניט פון גוטסקייט האָב איך דאָס געטאָן. זען דעם פּנים, האָט מען אַנדערש ניט געקענט טראַכטן — ווייזט מיר אויס — און מען האָט דעם לעצטן ביסן געמוזט אַוועקגעבן.

מיט אַמאָל האָט ער געפונען אַ שטעלע, פּאַר אַ שומר אויף אַ פּלאַץ פון געטריקענטע דינעס[271], דאָס איז דאָרט פון די גרויסע געשעפטן. דאָס דאַרף מען שטיין אויף דעם פעלד אין קעלט, און מיט די בייזע ווינטן.

ער איז אַוועק אויף דער אַרבעט, ניט רעכענענדיק זיך מיט זיינע שוואַכע כחות, ווייל דאָרט האָט ער געקענט באַקומען אַ גוטן פּאַיאָק[173] אויף צו זיין זאַט.

פאַרנאַכט, האָט ער געדאַרפט זיך אומקערן אַ היים. ער איז ניט

---

271) = דלעת.

געקומען. אינדערפרי איז שוין זיין פרוי געקומען צו אונז אים זוכן. אויף ניט מאריך זיין בדברים, האָט מען אים געפונען אַ דערפרוירענעם אויף דער וועג מיט דעם פעלד גייענדיק אַ היים. זיין שוואַכקייט, האָט די קעלט ניט איבערגעטראָגן.

* * *

## ברייינגען דעם אידן ל„קבר ישראל"

איז דאָס געוואָרן ווייטער אַ שאלה פון קומען ל„קבר ישראל".

דאָס האָט מיין מאַן אַזוי געערגערט, וואָס דאָס איז ניט איבערצוגעבן. ער האָט גענומען נאָך אַ חאַרקאָווער אידן, וואָס איז געוואָרן זייער מקושר צו אים, און מען איז אַוועק צו אים[272] אַ היים, גאַנץ ווייט פון אונז. און געזען מען זאָל אים ברייינגען פון פעלד אין זיין שטוב וואו ער האָט געוואָוינט. געטאָן אַלץ, אַ טהרה, ביי אַזאַ מאַנגל פון וואַסער.

דערנאָך האָט מען אים געבראַכט אויף דעם גוי'אישן בית־עלמין, דאָרט איז שוין געווען אַ גאַנצע שורה פון אידן ר"ל, מען האָט דאָס שוין אַ ביסל אָפּגעצאַמט, עס זאָל ניט זיין אין איינעם מיט די גויים.

די קרקע האָט דער חאַרקאָווער איד אַליין געגראָבן, ער איז געווען אַ גביר אַ איד, וואָס ער איז צו אַזעלכע אַרבעט גאָר ניט שייך געווען, נאָר זעענדיק אויף וויפל דאָס איז מיין מאַן נוגע, האָט זיך ביי אים אויך דערוועקט אַ ווילן אויף טאָן דאָס — אַזוי האָט ער מיר דערנאָך דערציילט.

עס איז אים געווען שווער צו זען ווי דער רב העלפט אים אין דער שווערער אַרבעט, נאָר איבער דער גרויסער קעלט, האָט מען זיך געמוזט היילן, מען זאָל ניט זיין צופיל צייט אויף דעם פראָסט.

דורכגעפירט אַלץ ווי מען דאַרף, על־פי־דין, קדיש געזאָגט.

קומענדיק אַ היים האָט ער געוויינט.

---

272) לבית הנפטר.

ער איז געווען אַזוי דורכגעפראָרן, אַז עס האָט אַ סך געדויערט, ביז ער האָט זיך דורך פאַרשידענע מיטלען זיך דערוואַרימט אין דעם צימער!! און קומען צו זיך.

* * *

## אַ מסירת־נפש און גבורה

אין דריי וואָכן אַרום, האָט דאָס זעלבע פּאַסירט מיט דעם רומענישן פּאַמעשציק[201] וואָס איז געווען פון די וואָס פלעגן אָפּט אונז באַזוכן[216], מיט נאָך אַ סך שווערע צופאַלן, וואָס איך וויל שוין ניט שרייבן אַזעלכע שוואַרצע בילדער.

מיט דעם רומענישן פּאַמעשציק האָט ער שוין געלייגט אַ סך כחות אויף אַרויסנעמען פון „האָספּיטאָל", און נעמען אַ צעטל ביים רופא, אַז ער איז געשטאָרבן פון אַ האַרץ־אַטאַקע, ווייל די געשטאָרבענע פון „סיפּנאָי־טיף", האָט מען געדאַרפט מקבר זיין עטליכע מיט אַמאָל, לעבן שפּיטאָל, געוויינליך, אָן אַ הבדל פון וואָסער פּאָלק ער איז.

מיט וואָס פאַר אַ מסירת־נפש און גבורה ער האָט דאָס אַלץ געטאָן, עפּעס אַ מין גבורה־שבקדושה[273] וואָלט איך דאָס אָנגערופן. איך האָב דאָס ניט געקענט פאַרשטיין. זיין אַרומלויפן, אַלץ באַזאָרגן, מיט אַזעלכע אומגעהאָרע שוועריקייטן, און אַזוי ניט רעכענען זיך, ווען יעדער זאַך וואָס ער האָט געטאָן, איז פאַר אים געווען אַן אמת'ע סכנה, און ער האָט דאָס געוואוסט, און האָט מורא געהאַט. נאָר אין די מאָמענטן, האָט ער זיך קיין חשבון ניט אָפּגעגעבן.

אפשר דערפאַר, האָט ער זוכה געווען — מעג מען זאָגן — אין אַזאַ גלות, מיט גרויסע יסורים, דערלעבן די לעצטע עטליכע חדשים בכבוד גמור.

און ווען ניט די גרויסע כחות וואָס האָבן געלייגט צוויי ברידער[274],

273) ראה גם לעיל ע' 000.

274) האחים ר' מענדל ור' הירש רבינוביץ — הנזכרים ברשימה זו כו"כ פעמים.

פשוט׳ע יונגעלייט — אַזאַ מדריגה פון מסירת־נפש, ווייס איך גאָר ניט ביי וועמען קען מען געפינען — וואָלט מיט אים געווען דער אייגענער גורל וואָס מיט די אויבענדערמאָנטע נפטרים.

* * *

## אַ טעלעגראַמע פון דעם עלטערן זון

אַזוי[275] איז זיך די צייט — איין טאָג ענליך אויף דעם צווייטן — געגאַנגען.

עס האָט זיך אָנגעהויבן דערנענטערן דער סוף פון די פינף יאָר וואָס מען האָט אים פאַרשיקט.

די מלחמה האָט זיך נאָך ניט געענדיקט, אָבער אַזעלכע פאַרשיקטע, האָט מען אין גרויסע שטעט ניט געלאָזט וואוינען. פון אונזער שטאָט[276] איז ניט געווען אפילו מיט וועמען זיך דורכשרייבן. פון די קרובים, איז ב״ה קיינער ניט געבליבן[277] און איך ווייס ניט ביז היינטיקן טאָג וואָס מיט זיי איז געווען דער סוף[278]. איין ברודער זיינער, איז אויך געווען אין אַ לאַגער[279].

בלייבן דאָ וואוינען, איז שוין ניט געווען קיין כחות, און „מאין יבוא עזרי״[280]?!

275) הרבנית חוזרת לתיאור זכרונותי׳ משנת תש״ד.

276) יקטרינוסלב.

277) הכוונה — כנראה — לומר שעלה בידם להימלט מהכיבוש הנאצי.

278) המדובר הוא בעת כתיבת הרשימה בשנת תש״ט.

279) הרה״ג ר׳ שמואל שניאורסאהן (תרמ״ח — כסלו תש״ד). נעצר ע״י השלטונות ונדון ביום ד׳ בתמוז תש״א לשלוש שנות גלות בעיר טומסק שבסיביר. לאחר כשנה וחצי, בחודש אדר א׳ תש״ג שוחרר ממקום גלותו בגלל תשישות ואי־ספיקת לב. לאחר שחרורו הגיע ר׳ שמואל לבית בנו, מנחם מענדל, שהתגורר באותם ימים (מאז בריחתו מאוקראינא עם פלישת הגרמנים אלי׳) בעיר טשרדזאו (כיום טורקמענאבאט) שבמדינת טורקמניסטן. נפטר בטורקמניסטן ונטמן בבית העלמין היהודי בטשרדזאו.

280) ע״פ תהלים קכא, א.

כאָטש זאָל זיין אַ שינוי מקום. עס איז שוין נמאס, שווער געוואָרן קוקן אויף יעדער „שטיבל״, און אויף יעדן גוי אַ ודאי.

די וואַקוואַירטע האָבן אָנגעהויבן קלערן וועגן אומקערן זיך אין די שטעט וואָס האָבן זיך אָפּגעליידיקט פון גיטלער׳ן. און עס איז געוואָרן דער אַרום רואיקער.

אָבער אונז האָט מען געדאַרפט זייער חוקר־ודורש זיין, אויף יעדער טראָט וואָס מיר ווען מאַכן.

פון איין זייט איז געוואָרן לייכטער.

עס איז אָנגעקומען אַ טיעליעגראַמע פון טאַשקענט אַז דאָרט אין „קהילה״ (דאָס הייסט, די מאָסקווער קהילה האָט זיך דאָרט צייטווייליק באַזעצט, און זי האָט געענטפערט אויף אַלע שאלות וואָס מען האָט זיך צו איר געווענדעט) איז דאָ אַ טיעליעגראַמע פון דעם עלטערן זון[50], אַז ער פרעגט: „וואו געפינען זיך זיינע עלטערן און דעם פאָטערס ברודער[279]״?

— דער פאָטערס ברודער, איז שוין דעמאָלט געווען אויפ׳ן עולם־האמת, נאָר דאָס, האָב נאָר איך געוואוסט, פון דעם מאַן האָב איך דאָס מעלים געווען —

גלייך האָבן מיר געהייסן טיעליעגראַפירן אונזער אַדרעס, אויף וועלעכן, מיר האָבן אין אַ פּאָר וואָכן אַרום באַקומען אַ טיעליעגראַמע וואָס מיר האָבן דערזען אַ חתימה — מענדל, מוסיא, איז געוואָרן אַ סך ליכטיקער אין די אויגן.

* * *

## קיינער קען ניט ליינען די טעלעגראַמע

מיר האָבן אָבער נאָר פאַרשטאַנען די ווערטער פון דער חתימה. אָבער דעם גאַנצן אינהאַלט פון דעם קייבל[281], האָבן מיר ניט געקענט די איינגעלשע שפּראַך אויף פאַרשטיין וואָס דאָרט איז געשריבן.

281) מברק.

געוועז אַזעלכע וועלכע האָבן געלערנט אויף курсы иностранных языков[282] אין [=אינסטיטוט פון אויסלענדערשע שפּראַכן], אָבער ניט איינגעלש.

דאָס האָט גענומען אַ וואָך, און איך האָב אויף דעם געדאַרפט גיין פיר קילאָמעטער, צופוס געוויינליך, ביז איך האָב געפונען אַ לערער פון אַ סקול, וואָס ער האָט מיר, מיט אָנשטריינגונג, דעם קייבל[281] קוים איבערגעליינט. עפּעס דערהערט „אַ היימישן נאָנטן קול", וואָס ער האָט אונז זייער געפעלט.

אין אַ צייט ארום, האָבן מיר שוין באַקומען צוויי שפּייז־פּעקלעך, אונזער לאַגע איז אין דעם אינזיכט געוואָרן לייכטער, אָבער דער עיקר שווערקייט איז געבליבן. מיר זיינען שוין געוועזן זייער צובראָכן, און די „שאלה" וואָס טוט מען? איז געשטאַנען גאַנץ שטאַרק.

צונויפרעדן זיך, האָט מען מיט קיינעם ניט געקענט, און דאָ האָט זיך געהערט – ניט „אָפיציעל" – אַז עס איז דאָ אַ „החלטה" אַז די „פאַרשיקטע" זאָל מען, ביז סוף מלחמה, פון זייערע „ערטער" ניט אַרויסלאָזן, און דערנאָך, זאָל מען זיי אויך לאָזן פאָרן נאָר אַהין וואו קיין גרויסער „ישוב" פון מענטשן איז ניטאָ.

דער קוואַל פון די „סבלנות" האָט זיך אָנגעהויבן אויסלאָזן. ווי עס האָט זיך דערנאָך אַרויס געוויזן, האָט ער שוין מסתמא דעמאָלט געהאַט זיין „מחלה", וואָס ער איז פון דער וועלט געגאַנגען. –

עפּעס איז אין אים שוין ניט געוועזן זיין שטאַרקייט, און דעמאָלט האָט מען זי ערשט געדאַרפט.

* * *

282) קורסים לשפות זרות (Courses of foreign languages).

## מסירות־נפש על קבר ישראל

בשל כל הסיבות האמורות לעיל התפשטה מאוד מחלת הטיפוס ר״ל, ובשל תנאי החיים באותה תקופה הסתיימה המחלה ברע לעתים קרובות יותר משהסתיימה בטוב.

אל אחד ממקורבינו, גולה אף הוא, שהיה נוהג לבקר בביתנו, הגיעו אשתו ובתו, אך הדבר לא הביא לשיפור במצבו. יום אחד הוא נכנס לביתנו, פניו נפוחות וצבע עורו צהבהב מרעב (מי יתן ולא נראה כזאת לעולם). עבודה — לא היתה לו. כשהבחין באי־אלו חתיכות לחם שהיו מונחות על השולחן בביתנו — החל לנעוץ בהן את מבטו בעיניים כה נוצצות, עד שפקדתי עליו לקחת את הלחם ולאוכלו, על־אף שלחם זה היה כל מה שהיה ברשותנו באותה עת, ולחם נוסף ליום המחרת לא היה לנו.

לא מטוב־לב עשיתי זאת; מי שראה את פניו של אדם זה — כלל לא יכול היה, לדעתי, לחשוב אחרת, והיה חש כורח לתת לו גם את הנגיסה האחרונה שברשותו.

יום אחד השיג אדם זה משרה כשומר בשדה דלועים מיובשות, שהסחר בהן נמנה על תחומי העסק הגדולים ביותר באזור. לצורך עבודה זו היה עליו לעמוד בשדה הפתוח, בכפור, בלב הרוחות העזות. הוא יצא לעבודה מבלי להתחשב בכוחותיו החלשים, משום ששם יכול היה לקבל קצבת מזון טובה יותר שממנה יוכל לשבוע.

לפנות ערב היה אמור לשוב לביתו, אך הוא לא הופיע. בבוקר הגיעה אשתו לביתנו כדי לחפשו, ומבלי להאריך בדברים — האיש נמצא קפוא, בדרכו הביתה מן השדה. חולשתו לא יכלה לשאת את הכפור.

כאן התעוררה שוב שאלת הבאתו לקבר ישראל. הדבר גרם לבעלי עגמת־נפש בל־תתואר. הוא לקח עמו יהודי נוסף מחרקוב, שהיה מקושר אליו מאוד, הלך לביתו של הנפטר — שהיה רחוק למדי מביתנו — ודאג לכך שהנפטר יובא מן השדה אל בית־מגוריו. שם עשה בעלי את כל הדרוש, כולל עריכת טהרה כדין, בזמן של מחסור כבד במים. לאחר־מכן הביא את הנפטר אל בית־הקברות הנכרי, שם היתה כבר שורה שלמה של נפטרים יהודים ר״ל, שגודרה קלות כדי שהיהודים לא יהיו מעורבים עם הגויים.

את הקבר חפר היהודי מחרקוב בעצמו. היה זה יהודי גביר, שהוא כשלעצמו לא היה שייך כלל לעבודות מעין אלו; אך (כפי שסיפר לי לאחר־מכן) בראותו עד כמה נגע הדבר לבעלי — עורר בו הדבר את הרצון לעשות זאת.

קשה היה לו לראות את הרב מסייע לו במלאכה הקשה, אך הוא היה זקוק לסיועו, שכן בגלל הקור הכבד היה עליהם לסיים את המלאכה בזריזות, כדי שלא יהיו חשופים לכפור זמן רב מדי. הם ביצעו הכל על־פי דין, ואף אמרו קדיש.

בהגיעו הביתה בכה בעלי מרות. הכפור חדר לעצמותיו עד כדי כך שגם לאחר שהיה בחדר חלף זמן ניכר עד שעלה בידו, באמצעים שונים, להתחמם ולחזור למצבו הרגיל.

שלושה שבועות לאחר־מכן קרה מאורע דומה לבעל־האחוזה הרומני, שנמנה על אלו שנהגו לבוא לבקרנו לעתים קרובות (היו מקרים קשים רבים נוספים, אך אין ברצוני עוד לתאר תמונות שחורות שכאלה).

במקרה בעל־האחוזה הרומני, בניגוד למקרה הקודם, היה על בעלי להשקיע כוחות רבים כדי להוציא אותו מבית־הרפואה, וכדי לקבל פתק מהרופא המאשר שהאיש מת מהתקף־לב — שכן אלו שמתו מטיפוס הבהרות היו צריכים להיקבר בקבוצות של מספר מתים יחד, סמוך לבית־הרפואה, וכמובן — ללא כל הבדל הקשור לזהותו הלאומית של המת.

כמה גדולים מסירות־הנפש והגבורה שבכוחם עשה בעלי כל זאת! הייתי מכנה זאת "גבורה שבקדושה". לא יכולתי להבין כיצד יכול היה להתרוצץ כך כדי לדאוג לכל הדרוש, על הקשיים העצומים שהיו כרוכים בכך, וכל זאת מבלי להתחשב בכך שכל פעולה שעשה היתה כרוכה בסכנה אמיתית עבורו, סכנה שאותה ידע היטב ופחד ממנה. למרות כל זאת, ברגעים אלה הוא לא ערך חשבונות כלשהם.

אולי ניתן לומר, שבזכות פעולותיו אלה זכה — בעיצומה של גלות כה קשה ובייסורים גדולים — לחיות את חדשי חייו האחרונים בכבוד גמור. לולא הכוחות הגדולים שהשקיעו בכך שני אחים, אברכים פשוטים — מתוך מדריגה של מסירות־נפש שאינני יודעת אצל מי עוד ניתן למוצאה — היה גורלו של בעלי זהה לגורלם של הנפטרים הנזכרים לעיל.

## עתיד מעורפל

כך[131] חלף לו הזמן, כל יום דומה לחברו, עד שהחל להתקרב סופה של תקופת הגלות בת חמש השנים שנגזרה על בעלי.

המלחמה עדיין לא הסתיימה, ולגולים מסוגו של בעלי לא הותר לגור בערים גדולות. בעירנו[132] לא היה אפילו מי שיכולנו לעמוד עמו בקשרי מכתבים. מקרובינו לא נותר בעיר איש ב"ה[133], ועד היום[134] אינני יודעת מה נעשה עמהם. אחד מאחיו של בעלי[135] היה אף הוא אסיר במחנה עבודה.

להישאר לגור כאן — לא היו לנו עוד כוחות; ובכן — מאין יבוא עזרי? לפחות קיווינו לשינוי מקום. המקום נמאס עלינו כבר, ונעשה קשה לנו לראות לנגד עינינו שוב ושוב כל בקתה, ובוודאי — כל גוי שהתגורר שם.

המפונים החלו לחשוב על שיבה לערים שהתרוקנו מכוחותיו הנסוגים של היטלר. האזור נעשה רגוע יותר. אותנו, לעומת זאת, היה על השלטונות לחקור ולדרוש היטב על כל צעד שרצינו לעשות.

## קול של בית

יחד עם כל זאת, מצד אחד הוקל המצב במקצת.

יום אחד הגיע אלינו מברק מטשקנט, ובו נאמר שבמשרדי ה"קהילה" שבעיר (הכוונה היא לקהילה היהודית של מוסקבה, שהשתכנה שם זמנית, ומשם השיבה לכל השאלות שהופנו אליה) נמצא מברק מבננו בכורנו[136], ובו הוא שואל: היכן נמצאים הוריו ואחי אביו? (אחי האב כבר היה אז בעולם האמת, אבל רק אני ידעתי על כך, ואילו מבעלי העלמתי זאת).

---

131) כאן חוזרת הרבנית לתיאור זכרונותיה משנת תש"ד.

132) דנייפרופטרובסק.

133) הכוונה — כנראה — לומר שעלה בידם להימלט מהכיבוש הנאצי.

134) שנת תש"ט (זמן כתיבת הרשימה).

135) הרה"ג ר' שמואל שניאורסאהן (תרמ"ח — כסלו תש"ד). נעצר ע"י השלטונות ונידון ביום ד' תמוז תש"א לשלוש שנות בעיר טומסק שבסיביר. לאחר כשנה וחצי, באדר א' תש"ג, שוחרר מגלותו בשל תשישות ואי־ספיקת לב. לאחר שחרורו הגיע ר' שמואל לבית בנו, מנחם מענדל, שהתגורר באותם ימים (מאז בריחתו מאוקראינה עם פלישת הגרמנים אליה) בעיר צ'רדז'או שבטורקמניסטן (כיום טורקמנבאט). נפטר בטורקמניסטן ונטמן בבית־העלמין היהודי בצ'רדז'או.

136) כ"ק אדמו"ר זי"ע.

מיד עם קבלת המברק הורינו להבריק אליו בחזרה את כתובתנו, ושם קיבלנו כעבור כמה שבועות מברק נוסף, ומיד כשהבחנו בחתימה המתנוססת עליו — "מענדל", "מוסיא" — אורו עינינו במידה רבה.

אולם רק את מלות החתימה יכולנו להבין; אשר לשאר כל תוכנו של המברק — לא ידענו את השפה האנגלית כדי שנוכל להבין מה נאמר בו. היו בסביבתנו אנשים שהשתתפו בקורסים במכון לשפות זרות, אולם איש מהם לא למד אנגלית. החיפושים אחרי מי שיוכל לקרוא עבורנו את המברק נמשכו שבוע שלם, והיה עלי ללכת לשם כך ארבעה קילומטרים, רגלי כמובן, עד שמצאתי מורה בבית־ספר, שהצליח, בקושי ומתוך מאמץ, לקרוא עבורי את המברק. סוף־סוף הצטלצל באוזנינו קול ביתי, קול קרוב, שכה חסר לנו.

כעבור זמן־מה קיבלנו כבר שתי חבילות מזון, ומבחינה זו הוקל מצבנו. אולם עיקר הקושי נותר במקומו — כבר היינו שבורים ורצוצים עד מאוד, והשאלה מה לעשות הלאה עמדה בפנינו במלוא עוצמתה. לא היה באפשרותנו לבוא בדברים עם איש.

הגיעה לאוזנינו שמועה — אם־כי לא ידיעה רשמית — שקיימת החלטה שלא לשחרר את הגולים ממקומות גלותם עד סוף המלחמה, ושגם לאחר־מכן יניחו להם לנסוע רק למקומות שאין בהם יישוב גדול של בני־אדם.

בשלב זה החל מעיין הסבלנות שלנו להתרוקן. כפי שהסתבר לאחר־מכן, נראה שכבר אז סבל בעלי מהמחלה שממנה הסתלק מהעולם. כוחותיו לא היו עמו עוד, ודוקא אז הוא היה זקוק להם כל־כך!

נדפס על ידי ולזכות

**יוסף יצחק הכהן** בן **רישה**

וזוגתו מרת **נחמה דינה** בת **מלכה רייזל**

**אוריאל צבי הלוי** בן **גיטל עטל**

וזוגתו **בתי'** בת **שרה מינדל**

**שלום דובער** בן **רבקה נעמי**

וזוגתו מרת **אסתר** בת **מרים**

**בנימין** בן **חדוה**

וזוגתו מרת **רבקה רחל** בת **אסתר שיינדל**

ומשפחתם שיחיו לאריכות ימים ושנים טובות

להצלחה רבה ומופלגה בטוב הנראה והנגלה

בכל אשר יפנו בגשמיות וברוחניות

ולנחת רוח יהודי חסידותי מתוך שמחה וטוב לבב